**גאווערנער קעטי האקול** **איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/2/2025

## גאווערנער האקול מוטיגט פארזיכטיגקייט און טיילט מיט פייערווארק זיכערהייט עצות פאר די קומענדיגע יולי טע4 האלידעי

***די 4טע פון יולי סוף וואך זעט מען געווענליך א וואוקס אין פייערווארק-פארבינדענע וואונדן***

***באטייליגט אייך אין פאבליק פייערווארק אויסשטעלונגען צו פארמיידן וואונדן אדער אומגעוואונטשענע פייערס און פריאריטעזירט פייער זיכערהייט אויב איר האנדלט מיט לעגאלע פייער ספארק אפאראטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט דערמאנט ניו יארקער זיך צו האלטן פארזיכערט בשעת'ן פייערן די קומענדיגע יולי 4 חגא. אלס טייל פון א פילע-אגענטורן באמיאונג, געבט די ניו יארק דעפארטמענט פון סטעיט'ס (New York Department of State) אפטיילונג פון קונדן באשיצונג ( Division of Consumer Protection), אינאיינעם מיט די די אפטיילונג פאר היימלאנד סעקיוריטי און דרינגנדע סערוויסעס'ס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אפיס פון פייער באשיצונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control) און די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון געזונטהייט (New York State Department of Health) עצות צו העלפן ניו יארקער בלייבן פארזיכערט בשעת'ן פייערן אינדיפענדענס טאג מיט לעגאלע פייער ספארק דעווייסעס.

"אלץ גאווערנער, מיין העכסטע פריאריטעט איז פובליק זיכערהייט, און דעס איז פארוואס איך מוטיג אלע ניו יארקער צו פייערן מיט פארזיכטיגקייט די האלידעי וואך ענדע," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די טוועלכע באנוצן זיך מיט לעגאלע ספארקלינג דיווייסעס זאלן אייביג פאלגן אנווייזונגען, האלטן קינדער און ביישטייער ביי א זיכערע ווייטקייט, און צינדען נישט מער ווי איינס אויף אמאל צו האלטן אייך און אייער באליבטע זיכער פון פארמאדבארער פפייערווארק-פארבינדענע וואונדן."

יעדעס יאר, ווערן טויזנטער מענטשן - אריינגערעכנט קינדער, צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע - געשעדיגט בשעת'ן נוצן פייערווארקס. מערסטנס פון די שאדנס געשעען אין די וואכן וואס נעמען ארום די 4'דע פון יולי. די מערסט לעצטיגע דאטא צאמגענומען דורך די קאנסיומער באשיצונג זיכערהייט קאמיסיע (Consumer Protection Safety Commission, CPSC) נעמט אריין באריכטן פון 14,700 פייערווארק-פארבינדענע וואונדן אין די פאראייניגטע שטאטן אין 2024, רעפריזענטירענדיג א וואוקס פון 52 פראצענט פון 2023. לויט די לעצטע CPSC באריכט, ערוואקסענע אין עלטער פון 25 צו 44 האבן געהאט די גרעסטע טייל פון באריכטעטע וואונדן.

פארשפרייטע אורזאכן פון פייערווארקס-פארבינדענע וואונדן זענען:

- א שנעלע-פיוז פייערקרעקער פלאצט אויף איידער מען ווארפט עס.
- א נישט-גוט-געווארפענע ראקעט באטרעפט א ביישטייער.

- א נייגעריגע יוגנטליכער גייט אויספארשן פארוואס א פייערקרעקער "האט נישט" אויפגעריסן.

ארום 20,000 באריכטעטע פייערן הייבן זיך אן דורך פייערווארקס יערליך, לויט די נאציאנאלע פייער באשיצונג פארבאנד (National Fire Protection Association), אריינגערעכנט סטרוקטור פייערן, וויקעל פייערן און אינדערוויסענדיגע פייערן.

**סעקרעטאר פון סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאסלי) האט געזאגט,** "ווען זעלבסטשטענדיגקייט טאג פייערונגען הייבן זיך אן, עס איז אייביג וויכטיג צו לייגן זיכערהייט ערשט. אפילו לעגאלע ספארקלינג אפאראטן קענען שאפן ערנסטע שאדן אויב נישט געהאנדלט ריכטיג, איז די זיכערסטע אויסוואייל איז צו לאזן פייערווארקס צו די פראפעסיאנאלן. אבער אויב איר באשליסט יא צו נוצן ספארקלינג אפאראטן, מאכט זיכער צו נאכפאלגן די טיפס צו פארמיידן וואונדן און פייערן."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנער Jackie Bray (דשעקי בריי) האט געזאגט,** "פארמאדט די עמערדשענסי רום דעם האלידעי דורך לאזן פייערווארקס צו די פראפעסיאנאלן. זיכערהייט איז אייביג די ערשטע פריאריטעט, און ספארקלינג אפאראטן קענען אנמאכן ערנסטע שאדן. האט הנאה פון אייער האלידי דורך באטיילן ביי א געשעהניש אדער סטרימט א פייערווארק פארשטעלונג אינדערהיים."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער דר.James McDonald (דשעימס מקדאנאלד) האט געזאגט,** "פייערווארקס קענען אויסקוקן ווי אומשעדלכע פאן, אבער זיי שטעלן עכטע געפארן, ספיציעל צו אינגע מענטשן. יעדעס יאר, אונז זעהן פיל צו פיל עמערדשענסי באזוכן צוליב פארמיידבארער אקסידענטן. די פערטע פון יולי, איך מוטיג אלע ניו יארקער צו מאכן זיכערהיטי א פריאריטעט, איבערלאזן פייערווארקס צו געלערנטע פראפעסיאנאלן, און הנאה האבן פון פאברענגען צייט מיט פאמיליע און פריינט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר ( New York State Department of Labor, NYSDOL) קאמישינער Roberta Reardon(ראבערטא רערדאן) האט געזאגט,** "זיך צאמנענען מיט פריינט און פאמיליע צו הנאה האבן פון פראפעסיאנאלע פייערווארקס פארשטעלונגען איז א פארצייטישע פערטע פון יולי טראדיציע איבער ניו יארק. די דיפארטמענט פון לעיבאר איז פארפליכטעט צו פארזיכערן די געשעהנישן זענען פארזיכערט און איינגענעהם פאר אלע דורך אויספירן גרונטליכע אינספעקציעספון פייערווארקס פארשטעלונגען אפערירער אין פאראויס פון יעדער פארשטעלונג."

די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון לעיבאר'ס אינדוסטריע ספעסיפיקאציע איינהייט ( Industry Inspection unit) טוט גרונטליך אדורכקוקן די זיכערהייט אפעראציעס און סטארעדש פון די 350 NYSDOL סערטיפירטע פייראטעקנישענס איבערן סטעיט יעדעס יאר. NYSDOL טוט אויך פארזיכערן איינהאלטונג מיט רעגולאציעס דורך דורכקוקן ארום 120 פייראטעקניק פארשטעלונגען פער יאר. צו לערנען מער איבער די רעגולאציעס פאר פייראטעקניק פערמיטן, באזוכט די וועבזייטל.

**<u>פייערווארקס - וואס איז ערלויבט און וואס ס'איז נישט אין ניו יארק סטעיט:</u>**

**וואס איז ערלויבט:**

פארקויפן פייער ספארק דעווייסעס דורך רעגיסטרירטע פארקויפער פון יוני 1 ביז יולי 5 יעדע יאר. פייער ספארק דעווייסעס זענען ערד-באזירטע אדער האנט פייער ספארק דעווייסעס וועלכע געבן ארויס א כוואליע פון קאלירטע ספארקס אדער קאלירטע פלאמען, קראך-גערוישן אדער פייפן און רויך. מען ווארפט זיי נישט ארויף אין די לופט.

די אייגנטום און באנוץ פון פייער ספארק אפאראטן איז ערלויבט אין סיטיס מיט פאפולאציעס פון ווייניגער ווי איין מיליאן מענטשן און אזוויי ערלויבט דורכ'ן לאקאלן געזעץ. מאכט זיכער צו זען אויב פייער ספארק דעווייסעס זענען לעגאל אין אייער סיטי, טאון, אדער קאונטי ווייבאלד די לאקאלע געזעץ קען זיך טוישן. איר קענט זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלן שעריפף'ס אפיס צו פרעגן אויב אייער געגנט ערלויבט די באנוץ פון פייער ספארק דעווייסעס.

באנוצער מוזן זיין 18 יאר אלט צו נוצן פייער ספארק אפאראטן.

**וואס איז נישט ערלויבט:**

די אייגנטום און באנוץ פון פייער ספארק דעווייסעס אין סיטיס מיט פאפולאציעס פון מער ווי איין מיליאן מענטשן און זענען פארבאטן געווארן דורך די לאקאלע געזעץ, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי און די פאלגנדע קאונטיס: אלבאני (Albany), קאלאמביע (Columbia), עירי (Erie), נעסאו (Nassau), אראנדש (Orange) (פארבאטן אין סיטיס פון בלויז מידלטאון און ניובערג), שענעקטאדי (Schenectady), סאפאלק (Suffolk), ווארען (Warren) און וועסטשעסטער (Westchester).

פייערווארקס און געפארפולע פייערווארקס, אריינגערעכנט פייערקרעקערס, באטל ראקעטן, רוימען ליכט, ספיננערס און אריעל דעווייסעס, זענען אומלעגאל איבערן סטעיט, אויסער פאר פארשטעלונגען דורכגעפירט דורך אויטאריזירטע אינדיווידואלן ווי ערלויבט לויטן געזעץ.

**טיפס וויאזוי צו נוצן ספארקלינג אפאראטן אויף א פארזיכערטן אופן:**

- קינדער און פייער ספארקלערס זענען א געפארפולע צאמשטעל. ערלויבט קיינמאל נישט קיין יונגע קינדער זיך צו שפילן אדער אנצונדען פייערווארקס, אריינגערעכנט פייער ספארקלערס. פייער ספארקלערס ברענען אויף א טעמפעראטור פון אומגעפער 2,000 גראד פאהרענהייט. דאס איז גענוג הייס צו שמאלצן טייל סארט אייזן.
-ווארפט אדער צילט קיינמאל נישט פייער ספארקלער דעווייסעס אין ריכטונג פון מענטשן, חיות, קארס, געביידעס אדער זאכן וואס קענען ברענען. פאלגט אלעמאל אויס די אנווייזונגען וואס שטייט אויף די פעקל.
- האלט א סופליי פון וואסער נאנט צו דעם אלס א פארזיכערונג.
- מאכט זיכער אז דער מענטש וואס צינדט אן די פייער ספארק דעווייסעס טראגט אלעמעל א באשיצונג פאר די אויגן.
- צינדט נאר אן איין פייער ספארק דעווייס אויפאמאל און פרובירט קיינמאל נישט ווידער אנצוצונדן "א דאד."
- נוצט אלעמאל בלויז פייער ספארק דעווייסעס אינדרויסן. צינדט קיינמאל נישט אן פייער ספארק דעווייסעס אינערווייניג.
- האלט פייער ספארק דעווייסעס אין א קילע, טרוקענע פלאץ ווייט פון קינדער אדער שטוב חיות.
- אויב זענט איר באגרעניצט צוליב אלקאהאל, נוצט נישט קיין פייערווארקס.

בעת פארמיידן די באנוץ פון אומלעגאלע פייערווארקס איז די בעסטע וועג צו פארמיידן וואונדן, קענען מענטשן זיך אויך פאראויס-באשיצן בשעת'ן זיך צוקוקן צו פראפעסיאנעלע פייערווארקס אויסשטעלונגען. דאס רעכנט אריין נוצן עירפלאגס אפצוהיטן דאס הערן, גיין גענוג ווייט פון די פייערווארק אנהייב סייט און לאזן שטוב-באשעפענישן אינדערהיים. אויב אייער שטוב-באשעפעניש איז נערוועז ארום פייערווארקס אינדערהיים, ביטע רעדט זיך דורך מיט אייער וועטערינעריען איבער אופנים וויאזוי זיי אפצוהיטן און באקוועם מאכן.

פארקויפונגען פון פייער ספארקלינג דעווייסעס דורך סערטיפייד פערמינאנטע און ספעשעלטי ריטעילערס קענען נאר אנגיין דורכאויס די יאר פון יוני 1 ביז יולי 5 און פארקויפונגען פון פייער ספארקלינג דעווייסעס דורך סערטיפייד ציטווייליגע סטענדס אדער טענטס קענען נאר אנגיין פון יוני 20 ביז יולי 5. א ליסטע פון רעגיסטרירטע פייער ספארקלינג דעווייס ווענדערס און א ווידיא איבער פארמיידן וואונדן פון פייערווארקס קען מען זען דא.

ערוואקסענע ווערן געמוטיגט צו געבן פאר קינדער און צענערלינגען נאנ-פלאממעבל אלטארנאטיוון (מאטריאלן וואס צינדן זיך נישט אן) אנשטאט פייער ספארקלינג דעווייסעס, וואס מען קען גרינג טרעפן ביי מערסטנס ריטעיל געשעפטן אריינגערעכנט סטיקלייטים און LED ארטיקלען.

**איבער די ניו יארק דעפארטמענט אוו סטעיט׳ס דיוויזיע פון קאנסומער באשיצונג**

פאלגט נאך די ניו יארק דעפארטמענט פון סטעיט אויף פעיסבוק, X און אינסטעגרעם און טשעקט אריין יעדע דינסטאג פאר מער פראקטישע עצות וואס לערנען און געבן כח פאר ניו יארק קונדן אויף אן אויסוואל פון טעמעס. שרייבט זיך איין צו באקומען קאנסומער אלערטס דירעקט צו אייער אימעיל אדער טעלעפאן.

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קליענט באשיצונג שטעלט צו אומזיסטע פארמיטלונג צווישן א קליענט און א ביזנעס ווען א קליענט האט נישט מצליח געווען צו אנקומען צו א לייזונג אליין. די קאסטומער הילף הילפסליניע (Consumer Assistance Helpline) 1-800-697-1220 איז אפן פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג, אויסער סטעיט האלידעיס, און קאסטומער אנקלאגעס קענען אלעמאל געשיקט ווערן צו www.dos.ny.gov/consumerprotection. מיט די אפטיילונג קען מען זיך אויך פארבינדן דורך X אויף @NYSConsumer אדער פעיסבוק.

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES פעיסבוק פעידזש, פאלגט נאך @NYSDHSES אויף X, אדער באזוכט dhses.ny.gov.

באקומט לעבעדיגע עמערדשענסי און וועטער אלערט טעקסט דירעקט צו אייער פאון. טעקסט אייער קאונטי אדער בארא וואו איר וואינט צו 333111 זיך איינצושרייבן יעצט. לערנט מער אויף dhses.ny.gov/emergency-alerts.

**איבער די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון געזונטהייט ( New York State Department of Health)**

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט האט איבערגעקוקט די געזונטהייט, זיכערהייט, און אלגעמיינע צופרידנהייט פון ניו יארקער זינט 1901 - פון וואקסינען ביז אויסנוצן נייע אנטוויקלונגען אין סייענס אלס א קריטישע געצייג אין די אפהאלטונג פון באהאנדלונג פון אינפעקשיס קראנקהייטן. אין ליכט פון די היינטיגע נייע פאבליק געזונטהייט שוועריגקייטן און טוישנדע העלט קעיר סיסטעם, איז געזונטהייט גלייכקייט יסודות'דיג צו אלעס וואס מיר טוען צו העלפן מענטשן דערגרייכן זייער בעסטע פיזישע, גייסטישע, און סאציאלע אלגעמיינע צופרידנהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן